**גוט שבת אלע אידן.** בערך 35 יאר צוריק האט א איד ר' יוסף גוטפארב (זיין עכטע נאמען) מקבל געווען אויף זיך אייביג צו דאווענען מיט א מנין. דאס זעט נישט אויס קיין אויסטערלישע קבלה בפרט פאר אונז וואס ב"ה זענען זוכה צו לעבן אין א דור און אין א פלאץ וואו עס זענען דא אייביג מניינים. אבער פאר ר' יוסף איז עס נישט קיין קלייניגקייט ווייל ער פארט ארום אסאך מאל אין די פרעמד וואו עס איז נישט אייביג גרינג צו טרעפן א מנין.

וויבאלד אז ר' יוסף וואוינט אין ירושלים, איז עס פארשטייט זיך גרינגער פאר אים צו טרעפן א מנין ווען ער טרעפט זיך אינדערהיים. אזוי האט ר' יוסף געטראכט (אז עס איז גרינג צו טרעפן א מנין אין ירושלים), ביז איין נאכט ווען ער איז געפריווט געווארן...

איין נאכט, איז ער ערשט אהיימגעקומען קיין ירושלים 3 אזייגער פאר טאגס. ער האט געוואוינט אין דעם "שועפאט" געגענט וואו די לעצטע מנין מעריב איז דעמאלט געווען עלף אזייגער. ער האט גלייך געטראכט וועגן גיין צו דעם זכרון משה שול לעבן גאולה וואס איז אזוי ווי א "מנין פאבריק" ווייל עס זענען דארט אסאך מניינים פאר יעדע תפילה. (אזוי ווי "שומר שבת" אין בארא פארק.) ביז ר' יוסף איז אנגעקומען צו זכרון משה איז עס שוין געווען 3:15 פארטאגס און ער איז אנטוישט געווארן צו זען אז דער בנין איז געווען כמעט ליידיג. ער איז שנעל אדורך געגאנגען אלע שטיבלעך צו זוכען א מנין.

בלויז איין איד האט ער געטראפן זיצענדיק אין א שטיבל. יענער איד האט אויך נאך נישט געדאווענט. "מיינסטו אז עס וועט קומען אנדערע אידן?" האט ר' יוסף געפרעגט דעם איד. "לכאורה נישט..." האט יענער געזאגט, "עס איז הובש שפעט, א שעה און א האלב ארום וועט מען שוין קומען פאר דעם 'ותיקין' מנין." האט יענער געזאגט.

"איך דארף א מינן..." האט ר' יוסף געזאגט אביסל באזארגט. "פארוואס ביסטו אזוי נערוועיז... דארפסטו זאגען קדיש?" האט יענער געפרעגט. "ניין, ברוך השם נישט, פשוט איך האב זיך מקבל געווען אייביג צו דאווענען מיט א מנין, און ברוך השם אז איך האב נישט פארפעלט א מנין אין דרייסיג יאר!"

עס האט נישט אויסגעקוקט אז עס וועט קומען נאך מענטשן אזוי שפעט ביי נאכט. עס איז פלוצלינג איינגעפאלן א פלאן ביי ר' יוסף. ער האט גערופן א טעקסי קאמפאני און ער האט באשטעלט 8 דרייווערס צו קומען צום זכרון משה שול. "אבער נאר אידישע דרייווערס..." האט ר' יוסף געזאגט אפאר מאל צום מענטש פונעם טעקסי קאמפאני.

"ווער האט אכט טעקסיס אין אזא שעה?" האט דער מענטש פונעם קאמפאני געזאגט. "וויפיל האסטו דען?" האט ר' יוסף געזאגט. "נאר פינף..." האט דער מענטש געזאגט. "ב סדר, שיק זיי אלע אהער..." האט ר' יוסף געבעטן. נאכדעם האט ר' יוסף גערופן א צווייטע טעקסי קאמפאני און ער האט זיי געבעטן דריי אידישע טעקסיס. ביז אפאר מינוט נאכדעם זענען אלע אכט טעקסיס מיט אידישע דרייווערס געווען אויפן וועג צום זכרון משה שול.ביידע קאמפאניס האבן געמיינט אז עס איז געווען דארט אין געגענט לכאורה א חתונה אדער אפשר א בר מצוה סעודה וואס האט געענדיגט שפעט. ווייל ווער וואלט געדארפט אזוי פיל טעקסיס אזוי שפעט ביי נאכט?

שטעלט אייך פאר דער איבערראשונג וואס איז געווארן ווען די אלע אכט טעקסיס זענען אנגעקומען צום שול און נאר איין מענטש האט געווארט אויף זיי, ר' יוסף. יעדער דרייווער האט געוואלט וויסן: "וואו איז די חתונה, וואו איז דער בר מצוה? וואס טון אונז דא?"

ר' יוסף האט צוזאמענגעשטעלט אלע דרייווערס און ער האט געזאגט צו זיי: "רבותי אפען אויף די מונה (טעקסי מיטער) און דאן קומט אריין אין שול מיט מיר." ער האט מסביר געווען צו די אלע דרייווערס אז ער האט זיי געדארפט צו משלים זיין א מנין. אלע פון זיי האבן געקענט ליינען לשון הקדוש, אבער נישט אלע זענען געווען באקאנט מיט די נוסח וכו'. עטליכע פון זיי האבן געדארפט גיין צו זייערע אוטוס צו ברענגען קאפעלעך. און עטליכע פון זיי האבן געדארפט העלף טרעפן מעריב אינעם סידור. אבער, ב"ה זיי האבן אלע געדאווענט צוזאמען.

נאך מעריב, איז ר' יוסף געווארן איבערגענומען מיט גרויס שמחה אז ער האט מקיים געווען די מצוה פון דאווענען מיט א מנין אין אזא שווערע מצב. ר' יוסף האט גלייך ארויסגענומען געלט גרייטענדיק צו באצאלן די דרייווערס פאר זייער צייט.

"ניין, ניין..." האט איין דרייווער "משה" געזאגט. "עס איז געווען א זכיה צו דאווענען מיט אזא הייליגען איד ווי דיר. איך קען נישט נעמען קיין קעלט פון דיר."

ר' יוסף איז צוגעגאנגען צו א צווייטען דרייווער און ער האט געוואלט אים באצאלן די סכום וואס איז געשטאנען אויף דעם מונה (טעקסי מיטער). "ניין, איך גיי נישט נעמען קיין געלט פון דיר. דאס איז די ערשטע מאל וואס איך האב געדאווענט (נישט נאר אין א מנין אבער בכלל!) אין א לאנגע צייט. עס איז געווען א גרויסע כבוד צו זיין דא. איך וואלט קיינמאל נישט געגומען קיין געלט פון דיר. וכו' וכו'..."

און אזוי איז ווייטער געגאנגען מיט יעדען איינציגסטען דרייווער. איינער פון די דרייווערס האט אפילו פארגעשלאגען געלט פאר ר' יוסף פאר'ן מזכה זיין מיט אזא מצוה."

עס שטייט אין פסוק: "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם." זאגט די מפרשים אז "בתוכם" מיינט אז דער אייבערשטער וויל רוהן זיין הייליגע שכינה אין די אידן אליינס. אזוי ווי עס שטייט סוף סדרה "...ושכנתי בתוך בני ישראל." זאגט דער מדרש אויף דעם פסוק "ושכנתי בתוכם": "ואם יעשו רצוני אין שכינתי זזה מביניהון (מדרש תנחומא (וורשא) בחקתי פרק ג). טאמער די אידן וועלן טון דעם אייבערשטען'ס רצון, וועט די הייליגע שכינה קיינמאל נישט אוועקרוקן פון אונז! **גוט שבת אלע אידן.**